אידיש

# נַפְשִׁי שׁוּבִֽי

מתוך שיעורי תורת הנפש ע"י הגה"צ ר' יהושע נתן פייפער שליט"א, אבד"ק ברכת מנחם

גליון ז'

# דער שורש פון אלע פחדים

## תוכן הענינים:

**רעדן און גיין אין די זעלבע צייט** - דער מוח טוישט זיך - **מען בוקט זיך ביי מודים פון זיך אליינס** - די געוואלדיגע מתנה פון דעם סוב-קאנשעס - **די מתנה קען גענוצט ווערן אויף א נישט גוטן אופן** - ווי אזוי פחדים ווערן איינגעווארצלט - **דער שכל האט נישט מורא** - עס איז א שאד צו מסביר זיין - **די ווייטאג איז נישט פונעם שרייען** - כעס איז נישט דער פראבלעם - **פארוואס האבן אידן געדינט עבודה זרה** - די איינציגסטע וועג איז צו רעדן צום סוב-קאנשעס

## אריינפיר

אין פריערדיגן גליון האבן מיר אנגעהויבן אויסשמועסן אז דער מוח פונעם מענטש איז א וואונדערליכע נפלאות הבורא, אבער דער מענטש ווייסט אפילו נישט פון אלע וואונדערליכע זאכן וואס דאס טוט. רוב זאכן וואס דער מענטש געדענקט שפילן זיך אפ הינטער'ן באוואוסטזיין - אין זיין סוב-קאנשעס - וואס דער מענטש איז נישט באוואוסטזיניג דערצו. יעצט וועלן מיר גיין ווייטער און זען ווי אזוי דאס האט א שטארקע תוצאה אויף דעם גאנצן נפש פון א מענטש.

## טון צוויי זאכן אויפאמאל

מ'פלעגט זאגן א ווערטל אויף איינער פון די פרעזידענטן פון אמעריקע, וועלכער איז נישט געווען צו קלוג, אז ער האט אזא שוואכן קאפ אז ער קען נישט **רעדן** און **גיין** אין די זעלבע צייט...

דאס איז גוט פאר א וויץ, אבער לאמיר אריינטראכטן, פארוואס קענען אונז יא רעדן בשעת מען גייט אויפ'ן גאס, און אפילו בשעת מען גייט ארויף שטיגן? איר ווייסט וואס ס'פאדערט דער מוח זאל טראכטן בשעת איך גיי ארויף די שטיגן? מען דארף טראכטן ווי הויך יעדע טרעפ איז, אויב מען האט שוין אראפגעלייגט דעם ערשטן פוס און מען קען שוין אויפהייבן דעם צווייטן פוס, און אזוי ווייטער. וויאזוי קען איך אין די זעלבע צייט רעדן אויפן טעלעפאן וועגן א קאמפליצירטע נושא, אדער זיין פארטראכט אין עפעס א טיפע סוגיא?

אמת, ס'פאדערט מחשבה, אבער דער אויבערשטער ברב רחמיו וחסדיו האט געמאכט מיט אונז אז ווען א קליין קינד הייבט אן צו גיין דארף ער זיך שטארק קאנצענטרירן און אויסרעכענען יעדן טריט, אבער איינמאל ער ווערט צוגעוואוינט דערצו, גייט עס אריין אין זיין הינטער'ן באוואוסטזיין, אזוי אז דער מוח חשבונ'ט אליין אויס ווי אזוי ארויפצוגיין און אראפגיין טרעפ, ווי אזוי צו אריבערגיין די גאס, ווי אזוי צו דרייוון א קאר, און דאס אלעס **בשעת דער מוח איז פארטיפט אין אינגאנצן אן אנדערע ענין.**

יעדער געדענקט ווי די ערשטע מאל ווען מ'האט געדרייווט א קאר האט קיינער נישט געקענט רעדן צו אים. "רעד נישט יעצט צו מיר! איך דארף יעצט קאנצענטרירן, א קאר קומט פון די זייט!" וואס איז געשען אז אפאר חדשים שפעטער פארט מען ביים רעדל מיט די גרעסטע רואיגקייט, מען קען שמועסן, מען קען פארברענגען, מען קען רעדן אויפן טעלעפאן, און דאס אלעס בשעת מען פארט אויף א פארנומענע שאסיי מיט הונדערטער קארס. ווי אזוי איז דאס מעגליך? ווייל דאס דרייוון איז געווארן פראגראמירט אינעם מענטש, עד כדי כך אז ער ווייסט ניטאמאל וואס ער טוט בשעת ער דרייווט א קאר. **ער פארלאזט זיך אויף זיין "אויטא-פילאט" אין זיין מוח.**

## דער מוח ווערט געטוישט

כדי דאס ארויסצוברענגען ווי ווייט עס גייט, וועלן מיר ברענגען אן אינטערעסאנטע זאך וואס די פארשער האבן באוויזן פעסטצושטעלן.

אין לאנדאן איז דער געזעץ אז אויב איינער וויל ווערן א טעקסי דרייווער, מוז ער דורכגיין א גאר שווערע און קאמפליצירטע טעסט, אין וועלכן מען פארהערט אים די נעמען פון טויזנטער גאסן פון לאנדאן אויף אויסנווייניג, כדי זיכער צו מאכן אז ער ווייסט פונקטליך ווי אזוי די גאסן זענען אויסגעשטעלט איידער ער נעמט אריין א מענטש אין זיין קאר. דאס מיינט אז א טעקסי דרייווער אין לאנדאן מוז זיין א געוואלדיגער בקי אין אלע וועגן און שטעגן פון לאנדאן עיר הבירה.

יעצט הערט א וואונדער: וויסנשאפטלער האבן צוזאמגענומען א גאנצע גרופע מיט לאנדאנער טעקסי דרייווערס, און מען האט שטודירט זייער מוח, האט מען געזען אז ס'איז דא א געוויסע פלאץ אין דעם מוח וואס איז געווידמעט צו געדענקען אנווייזונגען אין וועלכן ריכטונג צו גיין, (אזוי ווי א דזשי פי עס אינעם מוח), און אט **דער טייל** איז געווען היבש פארגרעסערט ביי די לאנדאנער טעקסי דרייווערס! א דאנק דעם וואס זיי האבן געדארפט אנשטרענגען זייער קאפ צו וויסן און געדענקען מיט א פונקטליכקייט די אלע טויזנטער גאסן, איז **זייער מוח פאקטיש געווארן געטוישט.**

ווען מען האט דורכגעפירט דעם זעלבן טעסט אויף די לאנדאנער באס דרייווערס,

האט מען **נישט** געזען קיין שום שינוי אין זייער מוח. די סיבה איז גאנץ פשוט: די באס דרייווערס פארן יעדן טאג אויף דעם זעלבן וועג, זיי שטעלן זיך אפ ביי די זעלבע פלעצער, און זיי דארפן נישט נוצן דעם מוח פונדאסניי ביי יעדע רייזע. אבער א טעקסי דרייווער דארפן האלטן כסדר פריש זיין מוח, און שטענדיג געדענקען וואו מען דארף זיך יעצט דרייען און וואוהין מען וויל אנקומען.

(א גאר אינטערעסאנטע, זייטיגע אבזערוואציע, איז מען אויך געוואויר געווארן, אז די לאנדאנער טעקסי דרייווערס האבן געהאט א קלענערע שאנס צו באקומען **אלצהיימער'ס** ל"ע, וויבאלד זיי האבן מער גענוצט דעם מוח ווי אנדערע מענטשן!)

## אלעס פאסירט פון זיך אליין

תוספות ברענגט פונעם ירושלמי (ברכות פ"ה ה"ז) אז דער אמורא רב מתניה האט געזאגט: "אנא מחזק טיבו לראשי דכד הוה מטי מודים הוא כרע מגרמיה" - איך געב אפ א דאנק פאר מיין קאפ אז ווען איך קום אן צו מודים בוקט ער זיך פון זיך אליינס. ס'איז זיכער אז רב מתניה האט נישט געמיינט דא ארויסצוברענגען אז מען דארף נישט אינזין האבן ביים דאווענען, נאר ער האט זיך אויסגעדרוקט מיט התפעלות אויף די נפלאות הבורא אז אפילו אן דעם וואס א מענטש זאל טראכטן, וועט ער זיך בוקן ביי מודים, ווייל **דאס האט זיך שוין פעסט ארייַנגעזעצט אין זיין מוח.**

מיר קענען ארויסנעמען דערפון ווי שטארק מיר דארפן מחזיק טובה זיין פאר'ן בורא כל עולמים וואס האט אין אונז איינגעפלאנצט אזא וואונדערליכע מאשין ווי דער מוח, וועלכע פירט אן מיט ריזיגע פארצווייגטע אפעראציעס בשעת דער מענטש ווייסט ניטאמאל דערפון, כדי ער זאל קענען נוצן זיין מחשבה פאר די וויכטיגע זאכן וואס פארלאנגען זיין ישוב הדעת און זיין קאנצענטראציע. דאס איז א **מורא'דיגע מתנה** וואס מיר פארמאגן, און מען טאר דאס **נישט** אונטערשאצן. מיר דארפן דאס שטארק ארויסברענגען, ווייל אסאך מאל קען זיך דאכטן כאילו די אלע מחשבות וואס שפילן זיך אפ אין הינטער'ן באוואוסטזיין זענען עפעס נישט לטובתו, און **עס וואלט געווען אסאך בעסער** ווען דער מענטש זאל האבן **פולקאמע קאנטראל** אויף זיין גאנצן מוח. אבער דאס איז לגמרי **נישט אמת!**

עס איז גרינג זיך פארצושטעלן ווי שווער עס וואלט געווען דאס לעבן ווען יעדע איינציגסטע פעולה דארף מען טראכטן פון פריער. מען קען זיך אליין מצייר זיין די שמועסן וואס וואלטן זיך אפגעטון אין אונזער קאפ ווען מען וואלט נאר געדארפט שטעלן איין טריט - "יעצט הייב אויף דעם רעכטן פוס, **ניין! נישט אזוי סאך!** אביסל ווייניגער... יא, פונקט אזוי. יעצט לייג עס צוביסלעך אראפ... **נישט דא!** אביסל ווייטער... **אוי, דאס איז שוין צו ווייט...** יא, אזוי. יעצט בשעת'ן אראפלייגן הייב צוביסלעך אויף דעם לינקן פוס..." **עס וואלט גענומען א פינף מינוט צו גיין איין טריט...**

**מיר דארפן מחזיק טובה זיין פאר'ן בורא כל עולמים וואס האט אין אונז איינגעפלאנצט אזא וואונדערליכע מאשין ווי דער מוח, וועלכע פירט אן מיט ריזיגע פארצווייגטע אפעראציעס בשעת דער מענטש ווייסט ניטאמאל דערפון**

## די מתנה ווערט א סכנה

עס איז באקאנט מפי ספרים וסופרים אז יעדע זאך קען גענוצט ווערן צום גוטן אדער חלילה צום שלעכטן. יעדע מידה קען מען נוצן צו בויען דעם מענטש (ווי למשל **גאוה דקדושה**) אדער קען מען עס נוצן אוועקצולייגן דעם מענטש (ווי **פסול'ע גאוה**). אונזער תפקיד אויף דער וועלט איז צו נוצן יעדע סארט כשרון און מעגליכקייט וואס מיר פארמאגן פאר גוטע זאכן, צו דינען דעם אויבערשטן, אויפטון גוטס, זיך צו בויען און צו העלפן אנדערע זיך בויען.

יעצט אז מיר פארשטייען שוין די געוואלדיגע מתנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן אז דאס רוב פון אונזערע מחשבות און אקטיוויטעטן זאלן פארקומען הינטער'ן באוואוסטזיין, קען מען זיך אנהייבן אביסל פארטיפן ווי אזוי עס איז מעגליך אז די **וואונדערליכע מתנה**, פון "הינטער'ן באוואוסטזיין", וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, וואס אן דעם וואלט **נישט געווען מעגליך צו פירן אונזער לעבן**, קען ארייַנפירן דעם מענטש אין **גרויסע פראבלעם**.

## אן אומפארשטענדליכע פחד

לאמיר אנהייבן מיט א פשוט'ע זאך - דער געדאנק פון פחדים. א מענטש וואס האט אן אומ'שכל'דיגע פחד וואס שטערט אים אין לעבן, ווי למשל א פחד פון גיין אויף א בריק. געווענליך ווערט דאס איינגעבאקן אין דעם מענטש ווען ער איז נאך גאר יונג, אזוי אז ווען ער ווערט עלטערן קען ער דאס שוין נישט קאנטראלירן מיט'ן שכל. (פארשטייט זיך אז עס איז אויך דא אזא זאך ווי אנטוויקלען א פחד אין די עלטערע יארן צוליב א געוויסע געשעעניש וכדומה, אבער יעצט רעדן מיר פון א צווייטע נקודה).

ווען א מענטש איז א קליין קינד פון דריי יאר אלט, און ער פארט אין א קאר, און ער הערט ווי זיין גרויסע שוועסטער זאגט, "אוי, מ'גייט פארן אויף א בריק, **איך האב מורא...**" זיין קאפ איז נאך נישט געווען קלוג, ער ווייסט נאך נישט אז א בריק ווערט געבויט דורך די גרעסטע אינזשענירן און איז בדרך הטבע פונקט אזוי פארזיכערט צו פארן ווי אויף דער ערד. אבער ער האט שוין געהערט אז א בריק איז א שרעקעדיגע זאך, און ער זעט אפילו ווי מען געפינט זיך אויף א גאס וואס איז צוגעבינדן מיט קייטן אפאר הונדערט פיס העכער דעם וואסער, און ער ציטערט אז דאס קען אין א ליאדע מינוט אראפטראסקען...

אין זיין מוח איז יעצט געווארן פארצייכנט אז פארן אויף א בריק איז **א זאך וואס מ'האט מורא**. פון יעצט און ווייטער, יעדע מאל ווען ער גייט דארפן פארן אויף א בריק, וועט אים אנכאפן א ציטער אין הארץ. ער איז נישט געבוירן געווארן מיט א פחד פון פארן אויף א בריק, נאר דער פחד איז אין אים אריין. ווילאנג ער איז א קינד, גייט עס נאך מיט. **ער האט סייווי נישט קיין ברירה זיך קעגנצושטעלן יעדעס מאל מען פארט אויף א בריק.**

ווען דער מענטש וואקסט אויף, און ער האט נאכאלס מורא צו פארן אויף א בריק, הייבט זיך אן ערנסטע פראבלעמען. קודם וועט ער אויסמיידן יעדעס מאל וואס ער דארף פארן אויף א בריק. ער וועט נעמען דעם קרומסטן און געדרייטסטן וועג אנצוקומען צום אנדערן שטאט, און צאלן וויפיל טאל עס זאל נאר קאסטן, אבי נישט צו דארפן פארן נאכאמאל אויף דעם שרעקעדיגן בריק. און **טאמער איז ער יא געצווינגען צו פארן אויף א בריק, וועט אים באפאלן א שווערן פאניק**, ער וועט ציטערן דעם גאנצן וועג און ער וועט פילן אז עפעס שרעקליך גייט דא פאסירן...

## ער וויל זיך נישט העלפן?!

יעצט איז שוין דאס נישט סתם א פחד, יעצט איז שוין געשאפן געווארן אן ערנסטער פראבלעם וואס אפעקטירט דעם מענטשנ'ס גאנצן לעבן. אין אזא פחד קען ממש רואינירן דעם גאנצן לעבן פונעם מענטש. ער קען נישט פארן אין קאנטרי' ווייל דער איינציגסטער וועג אהין און צוריק איז דורך א בריק, און ער קען נישט גיין צו זיין קוזינ'ס חתונה אין אנדערן שטאט ווייל ער קען נישט וואוקגעבן אזויפיל צייט צו פארן עטליכע שעה יעדע וועג, און אזוי ווייטער און ווייטער. ביז דער מענטש ווערט **אינגאנצן באצוימט און איינגעשפארט צוליב דעם איינעם פחד** וואס האט זיך טיף איינגעווארצלט אין אים פון אלס יונג קינד.

זיינע ארומיגע מענטשן קענען דאס נישט פארשטיין. "וואס האסטו מורא? וויפיל מענטשן זענען שוין דען געשטארבן פון אראפפאלן פון א בריק?!" אזוי פרובירט מען אים איבערצוציגן מיט אלע סארטן טענות אז עס האט נישט קיין שום פשט מורא צו האבן צו פארן אויף א בריק אין די היינטיגע צייטן, און אז יעדעס מאל וואס ער

גייט אריבער די גאס איז עס סטאטיסטיש גערעדט אסאך א גרעסערע סכנה ווי צו פארן אויף דעם געפארפולסטן בריק אין אמעריקע.

נישט קיין חילוק וויפיל מען רעדט צו אים, פילט מען ווי מען טאפט א וואנט. דער מענטש איז אפילו מסכים מיט אלע טענות, און מיט דעם אלעם ווערט דער פחד נישט פארשטיין. אסאך מאל קען מען אנהייבן פילן ווי דער מענטש איז סתם אן עקשן און וואס האלט נישט ביים טראכטן גראד. "**ער וויל זיך נישט העלפן!**" איז א זאך וואס מען וועט אפט לאזן פאלן אין אזא מצב.

אבער איין רגע, ווי אזוי קען דאס טאקע זיין? מ'רעדט דאך דא פון א שכל'דיגער מענטש וואס זיין גאנצע לעבן פירט ער נארמאל, נאר **פונקט דא האט ער זיך פאר'עקשנ'ט אז ער גייט זיך פירן כנגד השכל?!** הלא דבר הוא!

## מען רעדט צום אומריכטיגן אדרעס

ווי מען שמועסט איז דאס זייער פארשטענדליך. דער מענטש קען זיין זייער קלוג און פארשטענדליך, ער מעג האבן דעם בעסטן קאפ, און די גרעסטע און געלונגנסטע בעלי דרשים קענען אים מסביר זיין מיט די שענסטע פערל רייד פארוואס עס איז נישט קיין סכנה צו פארן אויף א בריק. מען קען אפילו אראפרופן גאר פראפעסיאנעלע וויסנשאפטלער און אינזשעניר וואס זאלן אים מסביר זיין פונקטליך ווי אזוי א בריק ווערט געבויט אז עס זאל קענען האלטן דעם שווערן געוויכט, און **דער מענטש וועט עס אפילו פארשטיין!** אבער דעם נעקסטן טאג איז מפטירין כדאתמול.

קענסטו זיך טענה'ן מיט אים פון היינט ביז מארגן. דו קענסט רעדן צו זיין שכל ווי לאנג דו ווילסט, דו קענסט אים מסביר זיין אז אפילו לשיטתו איז צו פארן אויף א בריק העכער א וואסער די זעלבע שרעקעדיג ווי צו פארן סתם אויף א שאסיי וואס פארט אויבן העכער די גאס אויף שטאנגען. אבער **ס'איז נישטא צו וועמען צו רעדן.**

נאכמער, אנשטאט די אלע שכל'דיגע הסברים זאלן העלפן דעם מענטש, טוט עס גאר אויף די פארקערטע. דער מענטש אליין הייבט זיך פילן ווי עפעס אזא לא לנו. "יעדער שוטה קען פארן אויף א בריק, און נאר איך האב מורא?!" **ער הייבט אן טראכטן אז ער איז א משוגענער, עס פעלט אים עפעס א שרייפל אין קאפ**, און דאס קען שוין ברענגען ווייטערדיגע פראבלעמען.

## דער שכל האט נישט מורא

אז מען קוקט אן דעם פראבלעם פון אן אנדער'ן קוקווינקל, טוישט זיך דאס גאנצע בילד. אז מען פארשטייט אז דער פחד פון דעם בריק איז נישט קיין שכל'דיגע מסקנא וואס ער האט דורכגעטון מיט ישוב הדעת, נאר דאס איז עפעס אן איבערבלייבעניש פון א זכרון וואס איז אים געבליבן הינטער'ן באוואוסטזיין, פארשטייט מען אז דער ווע איז בכלל נישט דורכ'ן שכל. די אלע

**דו קענסט אים מסביר זיין אז אפילו לשיטתו איז צו פארן אויף א בריק העכער א וואסער די זעלבע שרעקעדיג ווי צו פארן סתם אויף א שאסיי" וואס פארט אויבן העכער די גאס אויף שטאנגען. אבער ס'איז נישטא צו וועמען צו רעדן.**

שכל'דיגע הסברים וועלן טאקע נישט העלפן, ווייל זיי קומען אן צום אומריכטיגן אדרעס!

פארוואס? ווייל דער שכל וואס 'טראכט' האט נישט מורא; ס'איז דער מוח וואס איז טיף פארשטעקט הינטער'ן באוואוסטזיין וואס 'טראכט נישט' וואס האט מורא! ער האט זיך אריינגענומען די אינפארמאציע אלס קליין קינד אז א פארן אויף א בריק איז שרעקעדיג, און ער גייט נישט מוותר זיין דערויף אפילו דו וועסט מסביר זיין די בעסטע לאגישע טענות, ווייל דער 'סוב-קאנשעס' מוח פארשטייט נישט קיין לאגיק און קיין טענות ומענות. ער האט אינגאנצן אן אנדערע שפראך, וואס ארבעט נישט מיט קיין לאגישע חשבונות, און מען דארף זיך אויסלערנען זיין שפראך כדי צו פארשטיין ווי אזוי אים צופרידנצושטעלן.

## וואס ליגט אונטער די כעס

מיר האבן אויסגעשמועסט ווי אזוי עס שפילט זיך אויס ווען דער מענטש נעמט זיך אריין א פחד אין די יונגע יארן, און עס ווערט איינגעקריצט הינטער'ן באוואוסטזיין, עד כדי כך, אז ער קען עס נישט ארויסנעמען מיט די בעסטע הסברים. דאס איז אבער נישט נאר נוגע ווען עס קומט צו אן עקסטרעמע, אומלאגישע פחד. אויב מען וועט זיך באטראכטן וועט מען זען אז דער נפש שפילט גאר א גרויסע ראלע און אלע זיינע הרגשים, אן דעם וואס דער מענטש זאל אפילו וויסן דערפון.

לאמיר נעמען פאר א ביישפיל א חשוב'ער יונגערמאן מיט'ן נאמען ר' מענדל. ר' מענדל איז אן ערליכער חסידישער יונגערמאן, א מדקדק בקלה כבחמורה, ער האט נאר איין פראבלעם: ער איז א נוח לכעוס, ער פאלט זייער גרינג אריין אין כעס. מ'רעדט נישט חלילה פון אזא כעס וואס די גמרא רעדט, פון שובר כלים בחמתו. לגמרי נישט. אבער ווען ער ווערט אויפגערעגט קען ער אריינזאגן און נעמען שריט וואס ער האט שפעטער שטארק חרטה דערויף, נאר **בשעת ער איז אין כעס קען ער זיך ממש נישט איינהאלטן.**

ר' מענדל איז גוט באקאנט מיט די הארבקייט פון כעס, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל האט ער שוין דורכגעלערנט אלע מוסר ספרים וואס רעדן וועגן כעס. ער קען שוין יעדן מאמר חז"ל דערוועגן אויף אויסנווייניג. מיט דעם אלעם...**עפעס גייט עס נישט**. ווען ער טרעפט זיך אין א מצב אז איינער רעגט אים אויף, פארגעסט ער פון אלעם און אן כאפן אפילו ווערט זיין טאן געהעכערט און פארשארפט, ביז ער טרעפט זיך ווי טון א צווייטן, און **שפעטער האט ער הונדערטער מאל חרטה דערויף**.

## ארבעטן אויף די אומריכטיגע מידה

דער אמת איז אז עס מוז נישט זיין דווקא ר' מענדל, און עס מוז נישט זיין דווקא כעס. יעדער פון אונז האט שוין געהאט א מידה וואס מען האט אמת'דיג פרובירט אויסצוארבעטן מיט אלע כוחות, מען האט געהערט דרשות, געלערנט ספרים, און זיך איינגע'חזר'ט אז מען טאר זיך נישט פירן אזוי. און פונדעסטוועגן ווען עס קומט למעשה...רוקט זיך עס עפעס נישט. מען זעט נישט קיין פארשריט. צו זאל דאס זיין **כעס**, **עצלות**, **קנאה**, אדער סיי וועלכע מידה רעה. וואס איז פשט דערפון? הלא דבר הוא!

צוריקגייענדיג צו ר' מענדל, איז גאנץ מעגליך אז **דער שורש פון זיין פראבלעם איז בכלל נישט כעס**. די מעשה הייבט זיך אן אז ר' מענדל האט א געוויסע צוקלאפטקייט ביי זיך, ער קוקט זיך אן ווי ער האט נישט גענוג עררייכט אויף דער וועלט. דער געפיל פון צוקלאפטקייט באגלייט אים נאך פון אלס קינד. דער פראבלעם איז אז ווען ער איז געווען יונג האט ער זיך אויסגעלערנט אז אויב ער רעגט זיך אויף, ווערן די מענטשן ארום אים דערשראקן, און מען פרובירט אים נאכצוגעבן. **דאס האט אים געמאכט פילן אז ער איז אין קאנטראל פון דעם מצב, ער איז נישט אזא נעבעכל.**

היינטיגע צייטן, יעדעס מאל איינער זאגט עפעס פאר ר' מענדל וואס מאכט אים פילן צוקלאפט, וועט זיין מוח **אויטאמאטיש** ארויפברענגען דעם ווייטאגליכן געפיל, און אינאיינעם מיט דעם וועט עס ארויפברענגען די כלומרשט'ע רפואה צו דעם פראבלעם. נעמליך, **רעג דיך אויף, וועסטו צוריק פילן אין קאנטראל**. דאס אלעס שפילט זיך אפ הינטער'ן באוואוסטזיין. און ווען ר' מענדל ארבעט אויף זיין מידת הכעס וועט עס אים גארנישט העלפן, ווייל דער שורש פון זיין פראבלעם איז בכלל נישט כעס. דער שורש איז אז ער פילט זיך אומבאהאלפן.

## דער גוי מעג נאכשרייען

דער געדאנק ווערט שוין געברענגט אין גמרא (בבא קמא פ"ו): הכל לפי המבייש והמתבייש. ווען מען פארשעמט איינעם און מען דארף צאלן בושת, איז עס נישט אייניג.

עס ווענדט זיך ווער עס האט פארשעמט, און וועמען מען האט פארשעמט. עס איז נישט דער כלל אז אויב איינער האט געזאגט "**גיי דיר פון דא!**" דארף ער צאלן **הונדערט** דאלאר, און אויב איינער האט געזאגט "**דו טיפש!**" דארף ער צאלן **טויזנט** דאלאר. עס איז נישטא קיין אייניגע פרייז! אלעס ווענדט זיך ווער עס האט **פארשעמט**, ווער עס איז **געווארן פארשעמט**, אין וועלכן **מצב** מען האט אים פארשעמט, און אזוי ווייטער.

מען קען זיך דאס זייער גרינג איבערצייגן ביי זיך אליין. ווען א מענטש גייט אין גאס אין א גוי'אישע געגנט, און א גוי שרייט אים נאך, "**העי, דו איד!**", וועט ער זיך נישט וויסנדיג מאכן און גיין ווייטער. אפשר וועט ער מורא האבן טאמער דער גוי וועט אים אטאקירן, אבער ער וועט נישט פילן צוקלאפט און דערנידערט. פארוואס? ווייל דו פארשטייסט אז ס'האט גארנישט מיט דיר, **ער איז אן אנטיסעמיט**, און שוין.

אויב אזוי, פארוואס ווען דו קומסט אין בית המדרש און איינער זאגט דיר עפעס, דארט ווערסטו ערנסט באליידיגט? ווייל ס'איז נישט וואס ער האט דיר געזאגט; ס'איז אז דו פילסט יעצט ווי א צוקלאפטער מענטש, און ווען דער גוי שרייט אויף דיר האסטו נישט דעם געפיל, אבער **ווען ס'איז א היימישער איד, איינער מיט וועמען דו דאוונסט יעדן טאג און דו רעכנסט זיך מיט זיין מיינונג**, דעמאלט טוט עס וויי...

## די אמת'ע נסיון פון עבודה זרה

די אידן אין די צייטן פון די שופטים און די צייטן פון די מלכים, האבן געדינט עבודה זרה. זיי זענען געווען אזוי אדוק אין עבודה זרה אז ס'איז ממש געווען אן אוממעגליכע נסיון, ביז מ'האט מבטל געווען דעם יצרא דעבודה זרה. די גמרא זאגט, אביי האט געזען אין חלום מנשה מלך ישראל, און ער זאגט אים, "ווען דו וואלסט געווען אין יענע צייטן וואלסטו אויפגעהויבן דיינע קליידער און דו וואלסט נאכגעלאפן די עבודה זרה." אז מיר קוקן עס אן מיט א היינטיגע בליק איז עס נישט מעגליך צו פארשטיין. אידן האבן געדינט עבודה זרה, מ'האט גענומען א **שטיין** און געזאגט "**אלי אתה**", מ'האט גענומען א **האלץ** און געזאגט "**אבי אתה**". וואס איז פשט? זיי האבן טאקע געהאלטן אז דער שטיין איז א געטשקע וואס האט א כח? עס איז דאך נישט צום פארשטיין!

קומען די הייליגע חז"ל און זענען אונז מסביר. די גמרא זאגט (סנהדרין סד ע"א) **יודעין היו ישראל בעבודה זרה שאין בה ממש, ולא עבדו עבודה זרה אלא להתיר להם עריות בפרהסיא**. נישט פאר דעם האבן זיי געדינט עבודה זרה ווייל זיי האבן געהאלטן אז די שטיין האט זיי באשאפן. א נעכטיגן טאג. זיי האבן געהאט א **זייטיגע סיבה**, זיי האבן געהאט א נסיון פון מתיר זיין עריות. זיי האבן געוואוסט אז דער אויבערשטער לאזט דאס נישט, זענען זיי אויפגעקומען אז עס איז דא חלילה אן אנדערע גאט געמאכט פון שטיין, און דער שטיין לאזט מתיר זיין עריות. די אידן אליין האבן עס נישט געוואוסט, ווי די גמרא זאגט דארט אז "בתר דאביקו ביה", איינמאל זיי האבן זיך שוין געבוקט צום עבודה זרה, **זענען זיי שוין געווארן צוגעבינדן דערצו** און זיי האבן שוין **אמת'דיג געגלייבט אז דער שטיין האט א כח**. אבער דער אמת'ער פראבלעם איז געווען גאנץ עפעס אנדערש!

## די בעסטע הסברים זענען ווערדלאז

פארשטייט זיך אז מיר קענען נישט פארשטיין די פריערדיגע דורות וועלכע זענען פיל גרעסער ווי אונז, מיר לעבן אין אן אנדערע דור מיט אנדערע יצר הרע'ס. אבער לאמיר זיך מתבונן זיין, ווען מ'זעצט זיך אראפ מיט א איד דעמאלטס און מ'הייבט אים אן מסביר זיין, "רבי איד טייערער, דער שטיין האט דיר באשאפן? **ווי אזוי קען א שטיין באשאפן א מענטש?!** דער האלץ האט דיר באשאפן? **דעם האלץ האב איך נעכטן אראפגעהאקט פון בוים!**"

מען וואלט געקענט קומען צו אים מיט די שענסטע לשון לימודים און מסביר זיין בטוב טעם ודעת אז ס'איז נישט מעגליך אז א שטיק שטיין זאל באשאפן א נברא, **אפילו ווען דער דובנער מגיד זאל קומען מיט אלע משלים און אים מסביר זיין אז דאס איז נישט במציאות, פונדעסטוועגן גייט ער נישט אויפהערן דינען עבודה זרה**. ער וועט אויפקומען מיט אלע לעכערליכע ענטפערס, ווייל באמת איז דא עפעס א זייטיגע זאך. זיין נפש ווייסט אז איינמאל ער וועט אפלאזן די עבודה זרה וועט מען מוזן אויפהערן לעבן א הפקר'דיגע לעבן.

## קושיות אדער תירוצים?

עס איז באקאנט די מעשה פון יענעם אפיקורוס וואס איז געקומען צו הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל, און ער האט אנגעהויבן אויסרעכענען אלע זיינע קשיות אויפ'ן אייבערשטן. האט רבי חיים אים אפגעענטפערט: **דו האסט נישט קיין קשיות; דו האסט תירוצים**. דו ווילסט א תירוץ פארוואס דו קענסט אפלאזן דעם עול התורה, ביסטו אויפגעקומען מיט די אלע קושיות..."

לענינינו, מיר רעדן דאך נישט דא **חלילה פון קיין בעל עבירה און פורקי עול** ח"ו, מיר רעדן פון **אידן וואס ווילן גוט און מיינען גוט**, אבער מיר דארפן ארויסנעמען וואס איז נוגע פאר אונזער לעבן. זייער אסאך מאל פלאגט מען זיך מיט א מידה, און מען כאפט נישט אז דער אמת'ער שורש איז אינגאנצן עפעס אנדערש, און **ווילאנג מען וועט נישט ארבעטן אויף יענע נקודה, וועט מען נישט קענען פאררעכטן די מידה**. כדי צו פאררעכטן די מידה דארף מען אריינגיין טיף אין דעם סוב-קאנשעס און זען וואס איז דער **אמת'ער גורם** און ווי אזוי מען קען דאס טוישן.

מער דערוועגן ווי אזוי צו אריינדרינגען אינעם הינטער'ן באוואוסטזיין - אין קומענדיגן גליון בעז"ה.

## משיבת נפש

נקודות העולות מן המבואר:

- **דער מוח איז אנגעפילט מיט אינפארמאציע וואס דער מענטש ווייסט אפילו נישט דערפון.**
- ווען א מענטש לערנט זיך אויס נייע אינפארמאציע, גייט עס אריין טיף אינעם מוח.
- **יעדער מענטש טוט טויזנטער זאכן טעגליך אן דעם וואס ער זאל כאפן פארוואס ער טוט עס.**
- א שטארקער, אומלאגישער פחד, ווערט געווענליך איינגעווארצלט פון יונגערהייט אן.
- **ווען מען איז שוין ערוואקסן וועט נישט העלפן קיין שום דברי שכל אויסצורייסן דעם פחד.**
- א מענטש וואס ליידט פון א מידה רעה, קען זיין אז דער שורש פון די מידה רעה איז אן אנדערע זאך.
- **אויב מען וועט ארבעטן אויף די אומריכטיגע מידה, וועט מען גארנישט אויפטון.**
- אסאך מאל מיינט מען אז מען וויל איין זאך, אבער באמת וויל מען אינגאנצן אן אנדערע זאך.
- **דער געשריי טוט נישט וויי, עס איז דער געפיל פון צוקלאפטקייט וואס טוט וויי.**

לקבלת הגליון והשיעורים, להערות והנצחות נא לפנות לכתובת מייל
office@nafshyyeshoveiv.org
קו השיעורים 718-400-7566 - בארץ ישראל: 077-850-9310
נפשי ישובב מסילות בנפש האדם

OREGRAPH